STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11690

VU ZUNEN TREFN ZIKH

Moshe Gurin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אלכּסנדר לעווינסאָן

ווינטן
אפ׳ן
ים

ניו־יאָרק,
.1948

Copyright, 1948, by
ALEXANDER LEVINSON,
Brooklyn. N. Y.
400

פון זעלבן מחבר:

לידער (1925)

צו דער זון אַף די בערג (1928)

אין מיסטישן ליכט (1930)

פון די ווינטן, פון די שטערן
אין גערא̇נגל
טעג אַף די בערג
אלוליאַדן
ליכט-וועלן
ווינטן אַפן ים

צום הייליקן אָנדענק
פון מיינע טייערע עלטערן
יודל און פעשע רבקה ז״ל.

פון די ווינטן, פון די שטערן

כ׳האָב געווײנט אַף די בערג

כ׳האָב געווײנט אַף די בערג.

זיסע ווינטן האָבן געבלאָזן,
ווי אַ גרוס פון די געטער,
שליחות פון אַ טאַטע־מאַמע.
ס׳איז געווען אַזוי שמערצלאַך צו הערן
די וואַרעמע רייד וואָס פאַר ׳מיר האָבן געווײט.

אַ וואָלקן, וואָס געקוקט האָט פון הימל,
צו מיר האָט געזאָגט :
גאָט׳ס צאָרן אַף דיר האָט זיך אויסגעגאָסן,
נון, גיי אין די וועלדער,
זוך דײן תיקון אין די ווינטן — — —

שמערצלאַך, זייער שמערצלאַך איז געווען
צו הערן די ווינטן שטראָפן.

ביי דעם ברעג פון דעלאַווער

כ׳וואַש מיינע אויגן וואָס געזען האָבן זינד,
איך רייניק מיין מויל וואָס גערעדט האָט פון שלעכטס.
און צי מיך אויס אינעם לענג פונ׳ם טייך :
אָט אַזוי
לאָזט מיך שלאָפן מיין אייביקן שלאָף, —
צווישן געלע בלעטלאַך,
אין יום־טוב׳דיקע קליידער,
ביי דעם ברעג פון דע־לאַ־ווער.

האַרץ פון מיין האַרץ

דער מענטש איז אַ משכן,
ס'האַרץ אַן אָרון־קודש, —
ווי אַזוי האָסטו פאַרבלאָנדזשעט?

האַרץ פון מיין האַרץ,
קוועל־אויף!

ביי דעם זילבער־קלאָרן תהום,
ביי דעם פרומען וואַסער־שטראָם, —

האַרץ פון מיין האַרץ,
וואַך־אויף!

ווינטן קומען, ווינטן גייען

ווינטן קומען,
ווינטן גייען,
איך בלייב דאָ, —
איך וועל וועלקן
און פאַרגיין,
באַלד, יאָ־יאָ.

אָ, זיי שוועבן
דורכ'ן לעבן
ביז צום לעצט, —
איך וועל שטאַרבן
מיט די פאַרבן
פונ'ם יעצט.

זיי באַגלייטן
אַלע צייטן
ביז צום ברעג, —
איך וועל ליגן
ווי אַ ניגון
אַפ'ן וועג.

דער קורצער וועג, די זיסע שעה

דער קורצער וועג,
די זיסע שעה
פון הערלאַך־ליכטיק זיין, —
אָ, לאָמיר אַלע
בענטשן דאָ
דעם הימל'ס זיסן וויין!

אָ, פייגעלע,
אָ, גרילכעלע,
דעם לעבנס זיסן וויין!
אָ, קורצער וועג,
אָ, זיסע שעה,
איך וועל דאָ באַלד ניט זיין.

⁂

פון די קוואַלן וואָס דו'סט מיר געזויגן
שעפּ איך היינט ביינאַכט,
פון די ברונעמס וואָס דו'סט מיר אָנגעטרונקען
טרינק איך היינט ביינאַכט,
און איך לערן,
און איך לערן
פון די ווינטן,
פון די שטערן,
מאַמע,
אַף די בערג.

אין געראַנגל

כי שריתי
עם אלהים.

ספינקסן

אַ גאַנצע נאַכט האָט ער געקוקט, גערופן
צו די וואָלקנקראַצער,
ספינקסן,
וואָס געכוואַליעט האָבן זיך צו הימלען בלויע.
אַ לבנה האָט געבלאָנדזשעט.
מדבר.
שטאָל.
ווי אַ קעניג פון אַמאָל,
אױף די כוואַליעס פון דער וויסטע
געפאַלן איז זיין קול.

ווינט אין דער נאַכט

דער ווינט האָט געריבט מיין געדאַנק
און פאַרטראָגן גאַנץ וויט,
אױף די כוואַליעס פון צייט, —

ווינט אין דער נאַכט,
ער וויסט וואָס איך טראַכט.

אַפּ׳ן טייך פון אונדזערע נשמות

אַפּ׳ן טייך פון אונדזערע נשמות
שיין אַראָפּ!
אַף קוסטן, ווענונס פּגימות׳דיקע
שיין אַראָפּ! שיין אַראָפּ!
מיר זייַנען באַשאַפן פאַר אַ צוועק,
מיר זייַנען ביימער אַף אַ הייליקן וועג.
פון אונדזערע פּגימות — ליידן — טרערן
וועלן מענטשן בעסער ווערן.
מיר שטייען פאַר׳יאוש׳ט
אונטער שטערן —
אַף אונדזערע נשמות, ליידן, טרערן
שיין אַראָפּ! שיין אַראָפּ!

איך וואָס האָב געלעבט מיט אייך

איך וואָס בין געקומען פון אייערע ערדן —
בלוט פון אייער בלוט און גייסט פון אייער גייסט —
אין אַ ווינקל גאָס, אַפּ׳ן דאַך פון אַ געצעלט
וועל וואוינען איבער אייך,
און גרילצן, ווי אַ גריל,
איבער אייער לעבן.

איך וואָס האָב געלעבט מיט אייך,
געפינען וועל אַ תיקון
און אַ טרייסט אין אייער לעבן.

וואַנדערן

און אַזוי וועל איך וואַנדערן
דורך ליכטיקייטן,
קלאָרקייטן,
און זוכן אַ תיקון,
אַן ענטפער
פון העכערע וועלטן —
ביז ערגעץ אויף אַ פעלז וועט מיין נשמה נידערן,
ווי אַ פייגל,
אויף אַ צווייג פון דר.

גאָט וועט מיך איינזאַמלען

גאָט וועט מיך איינזאַמלען
— אַ נשמה געפייניקט פון שטורעמס —
אַ וועל
פון׳ם ים פון׳ם לעבן.

מיט זיין גילדענעם שאָפל
און אַ האַרציקע טרער —
גאָט וועט מיך איינזאַמלען.

טעג אַף די בערג

גאָט׳ס ליכט האָט אויפגעהעלט צו מיר אַף די בערג

גאָט׳ס ליכט האָט אויפגעהעלט צו מיר אַף די בערג,
זיין שמייכל אַף די גראָזן.
איך זיץ ביי אַ וואַסערפאַל און קלער:
ליכט — די זריעה גילדערנע — פאַלט אַף מיין הארצן.
מיינע בלעטער בליען,
מיינע גלידער זינגען
צו די פיר ווינקלען פון דער וועלט.

ס׳איז אַ ליכטיקייט וואָס בלענדט

ס׳איז אַ ליכטיקייט וואָס בלענדט,
ס׳איז אַ חסד וואָס מאַכט וויינען,
אַ שטילקייט וואָס זינגט.
קענסט הערן:
פלייטן פון דיין נשמה
שאַלן אַף די בערג.

קום אַרויס פון דיין שלאָס

קום אַרויס פון דיין שלאָס,
טו זיך אויס פון דיינע שלייערן,
אַנטפלעק זיך!
זיי זיך מזדווג,
מתדבק מיט מיר,
נשמה פון דער וועלט!

יעדן מאָרגן

יעדן מאָרגן,
ווען כ׳הויב אויף מיינע אויגן צום הימל,
ווער איך דערהויבן:
איך פיל, איך קום צוריק צום מקור.
כ׳בין אַ פערל געוואָרפן אין ים פון דער וועלט,
כ׳בין אַ ליכטל וואָס ברענט אין דיין הייליקן פייער,
אָ, גאָט!

אויפגעלויכטן האָבן וועלטן

אויפגעלויכטן האָבן וועלטן.
ערגעצוואו מוז זיין אַ וועלט
פון אַלץ־איז־גוט, אַלץ־איז־שיין.
ווייסע פייגל פלאַטערן
איבער פעלדער פון מיין זעל —
ערוואַך!
ערגעצוואו מוז זיין אַ וועלט פון אַלץ־איז־שיין.
ווייסער ליכט וועט מיר פאַרפלייצן.

ערגעצוואו

ערגעצוואו בליט אַ בלום
וואָס טראָגט אין זיך אַ היילונג,
ערגעצוואו ליגט אַ סוד
וואָס קאָן פּלאַצן, ווי אַ קנאָספּ.
אינ׳ם ליכט פון דער וועלט —
הער זיך צו.
הער זיך צו!
ערגעצוואו בליט אַ טאָג וואָס קומט און גענענט.
ערגעצוואו לעבט און אָטעמט
— ווי אַ הייליקער זאַנג —
ד ע ר פ אַ ר ש פּ ר אָ כ ע נ ע ר ט אָ ג.

אַף זיבן ים׳ען איז זיין ליכט צעשפּרייט

אַף זיבן ים׳ען איז זיין ליכט צעשפּרייט.
פאַנג אים אַף די טייכן,
זוך אים אַף די לאָנקעס —
אָטעם איין, אָטעם איין.
און וויקל איין אין אים דיין פּנים,
וויקל איין!

ביי אַ טייך, אַ זון און אַ הייליקן ווינט

כ׳בין געקומען מיט מיין שטעקן צו דיר,
כ׳האָב געבראַכט מיין גוף צו דיר.

ווייסער פייער, נעם אַריין,
וועב אין דיין געוועב אַריין!

ווייסער פייער, נעם מיך צו,
פיר אין דיין מיסטעריעזן רו!

פיר מיין תבה, פיר און שוועב,
איך, מיט דיר, אין דיין געוועב!

⁂

שטילקייט —
אַ גרינע.

באַר בלאַט צו בלאַט באַוועגט זיך —
און רעדט.

אַ גרילכעלע
זינגט זיין קורץ לעבן אויס.

אַ פייגעלע פאַרגייט זיך
אין לעצטער מתיקות.

איך טראַכט,
גאָט אַליין טראַכט
אַף די פעלדער פון שטילקייט,
אין די בערג.

אלוליאַרן

שובה ישראל עד ה׳ אלהיך.

גאָט האָט געזאָגט

גאָט האָט געזאָגט:
גיי אַרויס אין נאַקעטקייט,
אָפנקייט,
פרייקייט פון דער וועלט,
און זע, ווי בלעטער פאַלן פון מיין גוף
— ס׳איז דער גרויסער חשבון הנפש פון באַשאַף —
און וואַנדער
אין ווינטיקייט,
ציטערדיקע בלעטערדיקייט פון דער וועלט — — —

אין גאָרטן פון שטילקייט

און אָפטמאָל ווילט זיך אַזוי אויסטאָן זיך פון חומר, גוף,
פון אַלץ וואָס נאָענט איז צו זיך,
און וואַנדערן
אין גאָרטן פון חרטה, טיפן טראַכטן
— אַליין דער שופט, אַליין גע׳משפט׳ער —
פאַר מעשים, הרהורים טונקעלע, און שעה׳ן —
און וואַגלען
אין גאָרטן פון שטילקייט,
טיפקייט
און העכערן זען.

ביי זילבערדיקע וואַסערן

ביי זילבערדיקע וואַסערן וועלן מיר טראַכטן,
חלומ׳ען ווי קינדער.

און ציילן די טעג פון אונדזער לעבן,
די שעה׳ן גילדערנע, הרהורים, טרערן.

מקומות אַוואו מיר האָבן געטרוימט און געטראַכט,
געוויינט און געלאַכט.

מיט׳ן ליכט פון אונדזערע אָבות

לאָמיר זיך איינהילן אין טליתים
און א ו י ס ש ט ר אַ ל ן
צו גאָט, צו דער וועלט
מיט׳ן ליכט פון אונדזערע אָבות —
ליכט פון חסד און רחמים
צו אַלץ און צו אַלעם —
לאָ׳מיר שטראַלן.

קומט אַרויס, ניגונים

קומט אַרויס, ניגונים אלול׳דיקע, האַרציקע,
קומט אַרויס, ניגונים, פסוקים,
פון פרימאָרגנס, פאַרנאַכטן
אַף וועגן איינזאַמע,
דורך פעלדער און לאָנקעס,
— אָ, עצבות, חשבון הנפש! —
קומט אַרויס, אָ, תפילות, ביי טייכן, אין שולן,
תפילה־זכה׳ס לויטערע, האַרציקע, —

איך וועל אייך פלעכטן אין קראַנצן,
דאָ אַף די וועגן
פון מיינע וואַנדערונגען,
אונטער נייע הימלען פון אַ נייעם לעבן.

פון גרינעם וואַלד און גרויען פעלז

פון גרינעם וואַלד און גרויען פעלז
טאָק־אויס אַ נאַכט פאַר מיר אַ ווייסע
— יום־כפור נאַכט לבנה'דיקע —
ווי זאַפטן בוימערדיקע, — תפילות פליסן.

און פרימאָרגן,
זאָל אַ ליכט אַ מלכות'דיקער
שיינען
אַף די פעלדער פון נשמה.

ליכט-וועלן

אָ, ווער ביסטו, גרויסער אָנפאַנג

ליכטער שטראָמען דורך מיין פענצטער
אינם חלל פון מיין צימער.

בלאָט נאָך בלאָט פאַלט פונם בוים
וואָס הייסט: גנאָד.

אָ, ווער ביסטו, גרויסער אָנפאַנג,
וואָס גיט ליכט צו אַלע חומר׳דיקע, בלינדע?
וואָס דיין ליכט, ווי אַ בין אַ זשומעדיקע,
פלאַטערט איבער וועלטן —
ווער ביסטו, אָ?

וואָס לעבט און לויכט
אַף גופים אויסגעלאָשענע פון צייטן,
ביי אַלע ים׳ען פון דער וועלט —
ווער ביסטו, אָ?

אין דערוואַרטונג

גאָלד פליסט אין מיין צימער,
אַף די ווענט און אַף מיין פנים.
כ׳שטיי אין מיטן צימער
אין דערוואַרטונג
פון אַן עפּעס גרויסעס.
בוואַליעס פון די הימלען —
וועלטן וואו איך בין אַמאָל געווען —
עס פאַלט אַף מיר אַ שרעק.

מלכות

שאַרפּע, שפּיזיקע,
טאַנצעוודיקע, חדוה׳דיקע שטראַלן.

וואָס יעדער איינציקער פון זיי איז אַ מיליאָנטל
פון דיין גלאַנץ, פון דיין פּראַכט.

איעדער איינציקער פון זיי טראָגט אין זיך וועלטן
וואַרטנדיקע, וואַכנדיקע.

און אין אַלע, ווי אין אַ שפּיגלדיקן טייך —
דיין טיפער,
שלוה׳דיקער,
מלכות׳דיקער גלאַנץ.

ליכט-וועלן

פון אַלע ווינקלען פון דער וועלט —
ל י כ ט - ו ו ע ל ן
שטראָמען אין מיין צימער
און באַהעפטן זיך מיט מיין נשמה.
ל י כ ט - ו ו ע ל ן
ווי בינען זשומעדיקע אין אַ הייליקן געשפּרעך.
אָ, איר ליכט-וועלן,
צייטן —
תקופות,
אין אַ שעה אַזאַ אַ נביא
האָט אַ וויזיע ליכטיקע געזען,
אַ בורדאַ קלוג אַזוי גערעדט.

ליכט־וועלן.
ס'איז אַ ים אַזאַ פון אויבן —
ס'איז אַ שלוה,
אַ פאַרטיפטקייט.
אַ,
ווער בין איך דאָ?
אַ פויגל
שפרינגט אַרום פון צווייג צו צווייג,
און מיינע טראַכטענישן
בלאָנדזשען אום אין וועלטן — אַ —
ווער בין איך דאָ?

עס פלאַמען מיינע פענצטער

עס פלאַמען מיינע פענצטער,
ס'פלאַטערן גאַרדינען, —
ס'פלאַטערט מיין נשמה קעגן דיר.

מיין הויז איז ווי אַ שיף
אַפ'ן ים פון ליכטיקייטן.

ים פון נשמות

דער פאַרהאַנג אַף מיין פענצטער
ציטערט און ווייט.

איעדער ציטער איז דיין ווילן סודות'דיקער,
יעדער שטראַל — אַנטפלעקונג פון דיין רצון,
יעדער קנייטש אַף דיין פנים
באַוועגט דעם ים פון נשמות,
און צעשפליטערט
די שלוה שפיגלדיקע פון וועלטן.

דו ביסט די אויג פון שלוה

דו ביסט די אויג פון שלוה פון קדמונים אָן, בראשית'ן.
דו קוקסט אַריין אין תהום'ען זעלישע
און רירסט דאָרט אָן אַ סטרונע ציטערדיקע,
שניידסט אַריין זיך, ווי אַ שווערד אַ בלאַנקעדיקע,
אין די וועלדער מיינע בלעטערדיקע,
ביז עס טריפט דאָס גאָלד מחשבה'דיקע.
אין די פאַלדן דיינע ליכטיקע
וואָס בידערן
פון הויכן שווינדלדיקע —
וויזיעס גאָלדענע,
איך הער מוזיק ישעיה'דיקע,
טרייסטנדיקע.

לאָמיר זיצן ביי די פענצטער פון דער וועלט

לאָמיר זיצן ביי די פענצטער פון דער וועלט
און קוקן
צו די שלוה'דיקע סודות'קייטן
וואָס גיסן זיך צו אונדז
און פליסטערן
אין פרימאָרגנדיקע שעה'ן —
ע ר ה אָ ט א ו נ ד ז ג ע ר ו פ ן.

ווינטן אַפן ים

פון מיין היים וואָס איז ליים

א.

צו דיר, אָ, ים, האָבן מיר געטראָגן
אונדזערע געצעלטן.
פון טאָלן וואַלדיקע
בין איך צו דיר געקומען
מיט מיין טאָרבע,
מיין פייפל,
מיין געזאַנג.

ב.

ווי אַ בלום
וואָס ט'איינגעזאַפּט אין זיך
די שטילקייט פון די וועלדער —
שטיי איך דאָ פאַר דיר:
איך וויג זיך,
איך בלי,
מיין טרוים —
אַ שאָטן איבער דיינע וואַסערן.

ג.

לאָמיר שפּילן ווי די האַרפן פאַר דיר.
זאָלן טריפן
אונדזערע שעה'ן,
דאָס געזאַנג פון אונדזער לעבן.

ד.

איך ברענג מיין ווי,
מיין שטיל געשריי.
איך זעץ זיך
אין אַ וואָלקנדיק געצעלט,
און עס מיין בלאָט,
דאָס בלאָט פון צער,
פאַר דיר,
פאַר דער וועלט.

ה.

זאַלצקייט,
בראשית׳ן.
כ׳אָטעם־איין
דופטן, פאָספאָרן —
וועלטן געוועזענע
גייען־אויף אין מיין זכרון.

ו.

גוף — ערדיש,
פרצוף — ליים,
— איך קוק
צו דיינע כוואַליעס — — — —

ז.

אַלץ שוועבט.
ביימער, שאָטנס
ווייען־מיט, שוועבן־מיט
מיט די ווינטן אַפ'ן ים.
איך אַליין —
ווי אַ פלאַנץ פונ'ם ברעג —
רייס זיך אָפּ,
שוועב אַוועק.

ח.

דאָ אויף אַ פעלז
וועל איך ניִדערן.
זאַרגלאָז פון אָרט, און פון צייט,
אַפ'ן גרוי פון אַ שטיין וועל איך לייגן מיין קאָפּ.
כוואַליעס פון ים וועלן מיר זינגען אַ ניגון,
ווינטן — פאַרזויגן — — —

ווינטן שוועבן

א.

ווינטן מדבר'דיקע —
ליכט־זייליק,
לוחות'דיקע —
שוועבן אַפּ'ן ים.

ב.

ווינט רעדט:
כ'וועל אַריין אין דיינע בלוטן,
פינגער — בלעטער פון דיין גוף —
און אויפשטראַלן אין דיר
אין אַ טויזנט העלקייטן,
וויזיאָנען.

ג.

כ'האָב געדרעמלט ביים ים.
אַ ווינט האָט גערעדט
צו מיר,
צו אַ פעלז.

ד.

איך וועל ליגן אַף די זאַמדן —
דו'סט אַריינוויייען אין מיר דיין אָטעם,
דיינע ווינטן,
ווי אַמאָל
צום ערשטן מענטשן.

אין דיין ליכט אצילות׳דיקן

א.

ל י כ ט

גאָט איז געקומען צו מיר אין אַ לבוש פון ליכט,
גאָט איז מיט מיר אין מיין געצעלט.

ליכט — ווייסער בלאַט פון אַ בוך —
איך לייען און לייען.

איך וויג זיך אין אַ ים פון ליכט.
איך זינג, ווי אָדם, ערשטער מענטש.

איך וויג זיך
אין אַ ים פון ליכט,
איך זינג
אין באַריר פון דיינע ווינטן.

ב.

אין דיין ליכט אַצילות׳דיקן

זון אַ ים׳יקע העלט־אויף אין מיין האַרצן,
כ׳רינגל זיך אַריין אין וועלטן, ספערן בראשית׳דיקע.
זיסע מינוטן!
כ׳בלי־אויף אין דיין ליכט אַצילות׳דיקן
און צייטיק־זיך אין דיינע זונקייטן.
איך באַטראַכט מיין גוף
און וויין אָף מיינע נישטיקייטן.

ג.

לאָמיר טראָגן אונדזערע גופים
— בעכערס זילבערנע —
צו די ווינטן פונ׳ם ים,
צום גרויסן גייסט.

אונדזערע נשמות וועלן אויפגיין,
שטראַליקע מיט זון,
און נידערן — געלייטערטע —
צוריק צו אונדז.

ד.

איך גיי אַף דער סטעזשקע וואָס פירט צו דיין ליכט,
כ׳וויג ווי אַ זאַנג זיך פאַר דיר,
איך קום און איך פאַל ווי אַ שאָטן פאַר דיר,
כ׳קני — פאַר דיין שטילקייט, דיין שלוה — צו דיר.

ה.

כ׳האָב געבראַכט צו דיר די פלעקן פון מיין דור,
דעם שאָטן פון זיין פנים,
הימלען פון מיין עבר,
זינד ווי רויטע בלומען:
— וועסטו זיין אַ גאַנגעס צו מיר?
גאָט פון די כוואַליעס, ענטפער מיר!

ו.

מיר טראָגן אונדזערע גופים,
אונדזערע זינד צו דיר:
משפט, ים! משפט, ליכט!
די לערן פון אונדזערע אָבות
וואָס טראָגן זיך צו אונדז ווי ליכטער איבער דיר —
מיר וואַשן אונדזערע נשמות מיט טרערן אין דיר.

ז.

כ׳האָב געבראַכט מיין קרוג צוריק אַ ליידיקן, —
אַ, הימלען!
פעלזן,
איך צעברעך אַף אייך מיין האַרץ!
מיין בלוט וועט פאַר אייך שטראָמען
ווי אַ שטראַל — — — —

וועלטן אין געוועב

זילבערשטויב

(די לבנה אַפּין ים)

1

זילבער אַפּ'ן וואַסער,
זילבער אַף די זאַמדן.
פעלזן, אַנגעגליט מיט זון פון טאָג,
שטייען איצט אין קילער שלוה.

2

מיר בירגער ביי דעם ים,
וואַקסן, אָטעמען און טראַכטן
מיט דעם ים און זיינע ווינטן.
אין זיין שטילקייט
שוויגן אונדזערע נשמות און רוען
אַף די אומזיכטיקע בלומען זיינע.
שטיל און הייליק!
ווינטן שוועבן.

בוימער ביים ים

מיר שטייען ווי בלינדע
— בוימער ביים ים —
וואַך צו די ווינטן,
כוואַליעס־ליכט וואָס ריזלען
ווי גילדערנע זאַנגען, —
און אָפן אונדזערע הענט, ווי בעטלער,
אויפּצוכאַפּן די שפע פון ליכטער,
סודות, געגנאָדן.
מיר וויגן זיך,
ווי בלעטער,
אין ווינטן,
אין וועלטן.

איבער מיר דיינע ווינטן

איבער מיר דיינע ווינטן,
טעג און נעכט,
דיין בלאָקייט אין מיין אויג,
דיין מוזיק אין מיין האַרצן, — — —
דיין ד י ן גרא און קאַלט,
דיין ח ס ד , דיין וואָרט צעברעכט זיך אַן מיין פעלז,
ווי אַ כוואַל,
צעפינקלט, צעפערלט.

אין ווייסן, כוואַליקן געלעכטער

איך שטיי פאַר דיר, ים, ווי אַ בוים,
מיינע בלעטער גלאַנצן
אינ'ם ליכט וואָס שאַלט איבער דיר,
זיי רייסן זיך אָפּ אינם ווינט
אוןווירבלען אין זיין טאַנץ דעם ווילדן.
עס ווייט פון דיר מיט שטורם.
דיין סוד קלעפּט־זיך־צו צו מיר, ווי אַ בלאַט,
רוימט מיך אין אין אויער
און עפנט־אויף מיין האַרץ צו העכערע וועלטן.

גאָט אַליין האָט זיך צעשוימט
אין ווייסן, כוואַליקן געלעכטער.

וועלטן אין געוועב

כוואַליעס העל. כוואַליעס בלאָ.
התגלות'ן.
וועלטן אין געוועב
פלאַטערן,
ווינטיק — יריעות'דיק,
איבער ים, איבער פעלז.

שטראַלן פון אַ ליכטיקן יש,
מלכות'דיקן זיין.

ווינטן קומען־אָן,
רייסן־אָפּ,
ווי אַ בלאַט פון אַ בוים,
און נעמען־מיך־אַוועק
פון מיין היים־וואָס־איז־ליים,
צו באַגעגענען אַ גאָט
וואָס שטורעמט און רעדט
אין ווינט און אין כוואַל, —

אָ, ווי וואָלט איך שוועבן
— אַ שטראַל —
אינ'ם ים פונ'ם אַלל!
אָ, שבת פון דער וועלט,
שבת פון מיין זיין!

ווינטן משיח׳ישע

אַף די פעלדער פונ׳ם ים

א.

עס רעגן זיך ווינטן פון פיר זייטן וועלט.
שטילקייטן טויזנטיעריקע
צעבליען זיך.
ווינטן איבער וואַסערן.

ב.

ווינטן — אַ געוועב.
גאָט׳ס גייסט איז מיט אונדז.
אַ ציטער פון אייביקייט
איז פאַר מיר פאַרביי.

ג.

וואַך אויף, מיין האַרץ, וואַך אויף!
ווינטן הייליקע
פיטערן זיך
אַף די פעלדער פונ׳ם ים.

ווינט, פון וואַנען דו קומסט

ווינט, פון וואַנען דו קומסט — ווי אַ מימרא — גאָט'ס וואָרט —
בליסטו אין מיינע פענצטער, שפּיגלסט זיך אין מיינע געדאַנקען,
טייכן נשמה'דיקע.

ווינט — אַ גרויער, בראשית'דיקער —
שווימסטו איבער דער וועלט,
צעליכטיקסט זיך, צעשאָטנסט זיך.

ווינט, אַ סודות'דיק־פּאַרטיפטער,
רעדסטו צו מיינע טיפסטע עלעמענטן, —
ווינט, איך בין דאָ, און וועל זיך אין דיר אויפליזן!

*

איך ווין אַריין אין דיין גילדענעם בעכער,
כ'ווין־אויס מיין עצבות אין דיר,
דיינע כוואַליקע ווינטן, —
איך, וואָס בין באַשאַפן אין דיין צלם, דיין דמות.

באחרית הימים

ביים ברעג פון ים וועט ער מיך געפינען, —
דיין ליכט
וועט עפענען מיינע אויגן,
זיין ליד,
אַזוי צאַרט,
אַזוי שטיל,
אַזוי טיף,
וועט קלינגען אין מיינע אויערן — — — —